# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ה - גליון קסג**

**פרשת נח**

בענין

**קושית המפרשים על הגמרא בפסחים 'שעקם הכתוב שמונה אותיות ולא הוציא דבר מגונה מפיו'**

**מִן הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה וּמִן הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אֵינֶנָּה טְהֹרָה וּמִן הָעוֹף וְכֹל אֲשֶׁר רֹמֵשׂ עַל הָאֲדָמָה:** (בראשית ז, ח)

די בהמות אין די תיבה, און נישט די פסוק וואס שטייט פארדעם אין די תורה?

## גמרא מסכת פסחים

שטייט אין גמרא **מסכת פסחים** (ג, א): **אמר רבי יהושע בן לוי: לעולם אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו** - א מענטש זאל נזהר זיין נישט ארויס צו זאגן פון זיין מויל א 'דבר מגונה', **שהרי עקם הכתוב שמונה אותיות ולא הוציא דבר מגונה מפיו** - אזוי ווי מען טרעפט אין די תורה, אז די פסוק האט צוגעלייגט נאך אכט אותיות, אלץ כדי נישט ארויס צו זאגן א דבר מגונה, **שנאמר** - אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער וואך אין די פרשה: **מִן הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה וּמִן הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אֵינֶנָּה טְהוֹרָה**, און די תורה וואלט בעצם געקענט שרייבן וּמִן הַבְּהֵמָה "הַטְּמֵאָה" וואס איז נאר פינף אותיות, און אנשטאט דעם האט די תורה געשריבן "אֲשֶׁר אֵינֶנָּה טְהוֹרָה" וואס איז דרייצן אותיות, קומט אויס אז די תורה האט צוגעלייגט נאך אכט אותיות, אלץ כדי נישט ארויס צו שרייבן די ווארט 'הטמאה'[1].

## קושית המפרשים

די גדולי הראשונים ואחרונים פרעגן אויף דער גמרא, אז בעצם טרעפט מען שוין א פסוק פארדעם אין די תורה ווי די תורה האט 'מעקם' געוועהן א פסוק כדי מען זאל נישט ארויס זאגן א דבר מגונה, און דעס איז אין דער פסוק ווי די אייבישטער איז מצווה נח אז ער אריין ברענגן אלע חיות אין די תיבה שטייט דארט אין פסוק (שם, פסוק ב): **מִכֹּל הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה תִּקַּח לְךָ שִׁבְעָה שִׁבְעָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ וּמִן הַבְּהֵמָה "אֲשֶׁר לֹא טְהֹרָה" הִוא שְׁנַיִם אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ**, איז פארוואס ברענגט די גמרא דוקא די פסוק ווען נח האט בפועל אריינגעברענגט

## תירוצו של הפני יהושע

דער **פני יהושע** ענטפערט (פסחים שם) אויף דער קשיא, וזה לשונו: **ולענ"ד לא קשה מידי דבשעת הציווי לנח לא שייך לומר הטמאה דאכתי לא ידע נח איזה נקרא טמאה עד שהראה לו הקדוש ברוך הוא מכל מין, ואם כן מסתמא לא הוצרך להראות לו אלא מיני הטהורים שהן שבעה מינים לחוד, ואם כן שפיר קאמר מן הבהמה אשר לא טהורה היא והיינו אותן שאיני מראה לך באצבע או אומר לך שהיא טהורה, משא"כ במעשה שכבר ידע נח דאותן שלא הראה לו הן טמאים ועוד שהרי מאיליהן באו אל התיבה ואם כן שפיר הוה מצי למיכתב הטמאה, אלא על כרחך דמשום לשון נקייה הוא, כן נראה לי נכון.**

פירוש: דער פני יהושע איז מסביר, אז דער גאנצע מושג פון א בהמה טהורה און א בהמה טמאה איז דאך נישט געוועהן זעהבאר פאר נח, פאר די אייבישטער האט אים געזאגט אז ער דארף נעמען פון די בהמה הטהורה זיבן און פון די בהמה הטמאה נאר צוויי, נאר די אייבישטער האט געוועהן געוויזן מיט די פינגער וועלכע בהמה איז בגדר טהורה און פון דעם זאל ער נעמען זיבן, און אויב אזוי האט די אייבישטער נאר געוויזן פאר נח וועלכע בהמות גייען אריין בגדר 'טהורות' אז פון זיי דארף ער נעמען זיבן, און פון 'אלע אנדערע' דארף ער נעמען נאר צוויי, און אויב אזוי שטומט זייער גוט די לשון מִכֹּל הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה תִּקַּח לְךָ שִׁבְעָה שִׁבְעָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ וּמִן הַבְּהֵמָה "אֲשֶׁר לֹא טְהֹרָה" הִוא שְׁנַיִם אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ, דהיינו די אייבישטער האט געוויזן פאר נח נאר די בהמות הטהורות וואס פון דעם דארף ער נעמען זיבן, און פון די 'נישט ריינע' דהיינו די אנדערע בהמות וואס דער אייבישטער האט נישט געוויזן דארף ער נר נעמען שנים איש

---

[1] עי' בחזקוני כאן על הפסוק: "ולפי התלמוד צריך תיבת טהורה להיות מליאה להשלים שמונה אותיות העיקום" - פירוש: שעל פי המסורת שלנו כתוב בפסוק זה 'טהרה' בלא וי"ו, ולפי זה יש כאן לכאורה עיקום של 'שבע אותיות' בלבד, ומשום כן מסיק החזקוני, שכפי הנראה היה בפני חכמי התלמוד נוסח שונה, לפיו תיבה זו כתובה עם וי"ו. וע"ע במהרש"א פסחים שם.

ואשתו. און אויב אזוי קען מען נישט ארויס לערנען פון דער פסוק אז די אייבישטער האט מעקם געווען די לשון משום נקיות, ווייל ביי דער פסוק שטומט זייער גוט די לשון פון 'אשר לא טהורה', מה שאין כן ווען נח האט בפועל אריין געברענגט די בהמות, דארט וואלט שוין יא געדארפט שטיין 'ומן הבהמה הטמאה', און פון דעם וואס די פסוק האט געשריבן די לשון אפילו דארט 'אֲשֶׁר אֵינֶנָּה טְהֹרָה', זעהט מען אז די תורה האט מעקם געווען א פסוק כדי נישט ארויס צו זאגן א לשון שאינו נקיה.

## תירצו של הרה"ק רבי פנחס מקורייץ זי"ע

אין די ספר וצוה הכהן פון דער גאון וקדוש **רבי אהרן שמואל הכהן זצ"ל** אב"ד אוסטראה ברענגט אראפ א שיינער תירוץ פון **הרה"ק רבי פנחס קוריצער זי"ע** און ווי ער שרייבט: **בשם הרב החסיד המנוח המפורסם לרבים איש אלקי מוה' פנחס זללה"ה מקארץ אשר שמעתי מפיו, זכותו יגן עלינו כי בהיותי אצלו תדיר, אמרתי להעלות על הכתב ויהיה נחת רוח לנשמתו הטהורה.** און ער ברענגט אראפ דער קשיא וואס די מפרשים פרעגן, און דערנאך שרייבט ער: **ואמר הוא ז"ל תירוץ נכון ופשוט על זה קרוב לאמת, על פי מה שפירוש רש"י והוא במדרשים מה שנאמר לו השם יתברך לאברהם קח נא את בנך כו' את יצחק ולא אמר לו להדיא קח את יצחק, כדי ליתן לו שכר על כל דיבור ודיבור, וכן גבי לך לך כו' אל הארץ אשר אראך, ואם כן מתורץ שפיר, דפסוק הקודם נאמר גבי הצווי שהשם יתברך ברוך הוא אמר לו שיקח מהבהמה טהורה שבעה שבעה ומהבהמה אשר לא טהורה היא שנים שנים, ואם כן מהא ליכא לאוכיחי שעיקם הכתוב בכדי שלא להזכיר דבר מגונה אלא אפשר לומר שהקדוש ברוך האריך בדיבור כדי ליתן לו שכר על כל דיבור ודיבור אבל זה הפסוק דאשר איננה כו', כתיב גבי ביאת נח אל התיבה והוא לשון הכתוב ואינו דיבור השם יתברך לנח, בזה שפיר מוכיח הש"ס שהעיקום הוא כדי שלא להוציא דבר מגונה, והוא נכון מאוד, דברי פי חם חן.**

פירוש: רבי פנחס קוריצ'ער ענטפערט זייער א שיינע תירוץ אויף דער קשיא. מען טרעפט צוויי מאל ווי די פסוק איז 'מאריך' און רש"י איז דארט מסביר אז די סיבה פארוואס די פסוק איז מאריך איז 'כדי ליתן שכר על כל דיבור ודיבור'. די ערשטע פלאץ איז אנפאנג פרשת לך לך ווי די פסוק שרייבט (בראשית יב, א) **וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ**, שרייבט דארטן **רש"י** (שם פסוק ב, ד"ה אל הארץ אשר אראך) **לא גלה לו הארץ מיד, כדי לחבבהו בעיניו, "ולתת לו שכר על כל דבור ודבור"**. און אזוי אויך ביי די פרשה פון די עקידה ווי אין פסוק שטייט (שם כב, ב): **וַיֹּאמֶר קַח נָא אֶת בִּנְךָ אֶת יְחִידְךָ אֲשֶׁר אָהַבְתָּ אֶת יִצְחָק וְלֶךְ לְךָ אֶל אֶרֶץ הַמֹּרִיָּה וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעֹלָה עַל אַחַד הֶהָרִים אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיךָ**, שרייבט דארטן רש"י: **אמר לו שני בנים יש לי, אמר לו את יחידך, אמר לו זה יחיד לאמו וזה יחיד לאמו, אמר לו אשר אהבת, אמר לו שניהם אני אוהב, אמר לו את יצחק. ולמה לא גילה לו מתחלה... וכדי לחבב עליו את המצוה וליתן לו שכר על כל דבור ודבור**. על כל פנים זעהט מען פון די ביידע פלעצער אז ווען די אייבישטער רעדט צו די צדיקים איז די אייבישטער מאריך 'כדי ליתן שכר על דיבור ודיבור', אויב אזוי דא ביי די ערשטע פסוק ווי די אייבישטער האט גערעדט צו נח פון דארט קען מען נישט ברענגן א ראיה אז 'עיקם הכתוב', ווייל דארט קען מען זאגן אז די טעם פארוואס די אייבישטער האט מאריך געווען בדיבור איז 'כדי לתת לו שכר על כל דיבור ודיבור', מה שאין כן, ביי די 'מעשה' ווי דארט שטייט אז נח האט אריינגנומען די בהמות דארט קען שוין יא שטייט געהעריג 'בהמה הטמאה' און אפילו אזוי האט די פסוק מעקם געווען און געשריבן 'אשר איננה טהורה', איז מוכח פון דעם אז מען דארף רעדן בלשון נקיה.

## תירוצו של האמרי נועם

די גרויסע גאון וקדוש **רבי מאיר הורוביץ זי"ע** פון דז'יקוב אין זיין ספר **אמרי נועם** (כאן בפרשתן) ענטפערט א שיינע תירוץ אויף דער קשיא, וזה לשונו: **והקשה גאון אחד הלא מקודם נאמר מן הבהמה אשר לא טהרה הוא, וגם שם עיקם שמונה אותיות תיבת "אשר לא הוא" כי היה יכול לומר מן הבהמה טמאה, ואם כן מדוע מביא הש"ס ראיה מהמאוחר ולא מהמוקדם, ומהרש"א בחידושי אגדות פסחים מביא קושיא זו בשם החזקוני, ונראה בפשוט כי אחז"ל למה נקרא שמו חזיר שעתיד לחזור להיתרא כי לעתיד יהיה בשר חזיר מותר לאכול, רק לעת עתה אסור, ולזה כאשר צוה הקדוש ברוך הוא ליקח מהטהורים שבעה ומהטמאים שנים, אם היה אומר מן הבהמה הטמאה היה נח סובר בדעתו אשר גם מהחזיר יקח שבעה כי אינו נקרא בשם העצם טמאה כי עתיד לחזור להיתרא, על כן אמר אשר לא טהורה היא, כי על כל פנים גם טהורה אינה נקראת כי היא אסור לעת עתה ונכלל בזה גם החזיר, אבל בפסוק מן הבהמה אשר איננה טהורה, שם לא נאמר מספר שבעה כלל, רק שנים שנים באו, וכמו שפירש רש"י ז"ל אשר על כל פנים פחות משנים לא באו, אם כן היה יכול לומר מן הבהמה הטמאה, והבן** - פירוש: דער אמרי נועם פארענטפערט דער קשיא מיט א שיינע געדאנק. עס שטייט אין בשם **חז"ל** (עי' רבינו בחיי פרשת שמיני יא, ד; וע"ע במדרש שוחר טוב תהלים קמו, ד"ה ה' מתיר אסורים) אז דער 'חזיר' וועט לעתיד לבא זיין מותר צו עסן, און נאר יעצט [לעת עתה] איז עס אסור צו עסן, און אויב אזוי קומט אויס אז דער חזיר איז נישט בעצם קיין 'בהמה טמאה', נאר עס איז א בהמה וואס איז 'לא טהור', דהיינו בעצם לעתיד לבא וועט עס זיין מותר צו עסן, נאר יעצט לעת עתה איז דא א איסור צו עסן דעם חזיר. לפי זה - זאגט די אמרי נועם - אויב וואלט די אייבישטער געזאגט פאר נח אז 'ומן הבהמה הטמאה' זאל מען ברענגן נאר שנים איש ואשתו, וואלט נח געברענגט פון דער חזיר זיבן און נישט צוויי, ווייל דער חזיר איז דאך בעצם נישט קיין בהמה טמאה, אבער ברגע די אייבישטער האט אים געזאגט אז יעדער בהמה 'אשר לא טהורה' דארף מען ברענגן צוויי, איז דא נעמט עס אויך אריין דער 'חזיר', ווייל אפילו דער חזיר הייסט נישט בעצם קיין בהמה טמאה, אבער מכל מקום איז אבער בבחינת 'אשר לא טהורה', ווייל סוף כל סוף איז עס אסור באכילה, און אזוי וועט נח נישט ברענגן פון די מין החזיר זיבן אזוי ווי די טהור'ע בהמות, נאר ער גייט ברענגן צוויי אזוי ווי די טמא'נע בהמות. און דעם איז זייער גוט ביי דער 'ציווי' ווי די אייבישטער האט באפוילן פאר נח וואס ער דארף ברענגן, אבער שפעטער ווען נח האט געברענגט די בהמות, דארט וואלט שוין געקענט שטיין 'הטמאה', ווייל דארט וואלט מען שוין נישט קיין טעות געהאט, און אפילו אזוי כאפט אן די פסוק דארט א לשון נקיה, לערנט מען ארויס פון דעם, אז לעולם אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו. ודברי פי חכם חן!

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

## תירוצו של הפני שלמה

די גרויסע גאון און פוסק הדורות **רבי שלמה גאנצפריד זצ"ל** דער בעל קיצור שלחן ערוך אין זיין ספר **פני שלמה** אויף מסכת פסחים ענטפערט אויף דער קשיא, וזה לשונו: **ונלפענ"ד לתרץ על נכון, דהנה הרמב"ן** (בראשית ו, כ) **הקשה דהכא כתיב מן הבהמה הטהורה שבעה שבעה גבי הציווי, ולהלן הוא ואמר מן הבהמה הטהורה ומן הבהמה אשר איננה טהורה שנים שנים באו אל נח וגו', ותירץ דשנים באו מאליהן כדכתיב קרא באו אל נח, והיותר עד שבעה לקח נח בעצמו, ומשום הכי לעיל דכתיב תקח לך כתיב שבעה שבעה גבי טהורים. והנה רש"י פירש בחומש** (שם ז, ב) **דטעמא דשבעה שבעה בבהמה טהורה משום דעתיד נח להקריב מהם קרבנות, והנה אשכחן כל היכא דכתיב בתורה בתם טהור או טמא, היינו ודאי טהור וודאי טמא, כדאשכחן סוטה דף כ"ט ע"א דרב גידל רמי, כתיב** (ויקרא, ז) **כל טהור יאכל בשר, טהור ודאי יאכל הא ספק לא יאכל, וכן כל טמא לא יאכל טמא ודאי הוא דלא יאכל הא ספק יאכל, וכהאי גונא אשכחן נמי בקידושין** (עג, א) **כתיב** (דברים כג) **לא ממזר בקהל ד', ממזר ודאי הוא דלא יבוא הא ספק יבוא. ולפי זה אתי שפיר, דיש לומר דמקרא אשר לא טהורה היא לא הוי נוכל להביא ראיה, דיש לומר כיון דהתם מיירי מה שהיה נח לוקח אותו בעצמו, אם כן יש לומר דהא קא משמע לן מן הבהמה הטהורה דהיינו שהיה ידוע לו בודאי שהיא טהורה תיקח לך שבעה שבעה, ומן הבהמה אשר לא טהורה היא דהיינו אשר לא ידע בבירור שהיא טהורה שנים שנים, דמספק לא היה מותר ליה שיביא שבעה כיון דעתיד לבוא מהן קרבנות, ואם כן לא היה יכול לכתוב מן הבהמה הטמאה, דאם כן הוי משמע דמן הבהמה שהיא ודאי טמאה דוקא אבל ספק שבעה הוי מכניס, ולא הוי מוכח מיניה דמשום לישנא מעליא נקט, אבל מהאי דאיננה טהורה שפיר מכוח כיון דהכא כתיב באו, דהיינו שנים שנים באו מאליהן בין מן הטמאין ובין מן הטהורין, אם כן ודאי הוי מצי למיכתב טמאה, אלא משום לישנא מעליא הוא דעקם קרא, ואתי שפיר.**

פירוש: דער **פני שלמה** פארענטפערט דער קשיא מיט אפאר הקדמות. **הקדמה א** - די רמב"ן דא אין די פרשה פרעגט אז די פסוק פון די 'ציווי' ווי די אייבשטער האט באפוילן פאר נח צונעמען די חיות שטייט בפירוש אז פון די בהמה הטהורה זאל נח נעמען זיבן און פון די בהמה הטמאה נאר צוויי, אבער ביי די 'מעשה' ווי נח האט גענומען די בהמות שטייט נאר מִן הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה וּמִן הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אֵינֶנָּה טְהֹרָה... שְׁנַיִם שְׁנַיִם בָּאוּ, און לכאורה איז שווער אויף דעם פסוק, ווייל די בהמה הטהורה האט מען דאך געדארפט האבן זיבן און נישט צוויי[2]? ענפערט דער רמב"ן אז עס איז געווען א חילוק פון די אופן הלקיחה פון די הבהמות הטהורות און די בהמות הטמאות, די בהמות הטמאות זענען געקומען אזוי ווי די פסוק שרייבט שְׁנַיִם שְׁנַיִם "בָּאוּ" דהיינו פון זיך אליינס, אבער די בהמות הטהורות, זענען נאר די ערשטע צוויי פון די זיבן געקומען אליין ("בָּאוּ") אבער די איבריגע פינף האט נח אליינס געדארפט שלעפן. און די טעם איז אזוי ווי די רמב"ן שרייבט דארטן: **כי הבאים להנצל ולחיות להם זרע באים מאליהם, אבל הבאים להקריב עולות לא גזר שיבאו מעצמם להשחט, אבל לקחם נח, כי הצואה של שבעה שבעה היתה כדי שיוכל נח להקריב מהן קרבן** - פירוש: די בהמות הטמאות וואס מען האט געדארפט האבן כדי זיי זאלן גערעטעוועט ווערן, זענען געקומען אליינס, מה שאין כן די איבריגע פינף פון די בהמות הטהורות וואס זיי האט מען נישט געדארפט האבן 'להנצל ולחיות להם זרע' נאר זיי האט נח געדארפט האבן כדי צו מקריב זיין פון דעם א קרבן פארן אייבישטער נאכן מבול, אויף זיי האט די אייבישטער נישט גוזר געווען זיי זאלן גיין צום שחיטה, נאר נח אליין האט געקליבן ווער עס גייט ווערן גע'שחט'ן.

**הקדמה ב** - איז דעס וואס **רש"י** (שם ז, ב) שרייבט אין די טעם פארוואס פון די בהמות הטהורות האט מען געדארפט האבן דוקא זיבן [און די רמב"ן האט עס שוין דערמאנט] ווייל מען האט געדארפט די איבריגע כדי צו מקריב זיין בהמות.

**הקדמה ג** - שטייט אין **גמרא מסכת סוטה** (כט, א), אז אין פסוק שטייט (ויקרא ז, יט) **וְהַבָּשָׂר אֲשֶׁר יִגַּע בְּכָל טָמֵא לֹא יֵאָכֵל בָּאֵשׁ יִשָּׂרֵף וְהַבָּשָׂר כָּל טָהוֹר יֹאכַל בָּשָׂר**, און פון די רישא פון די פסוק וְהַבָּשָׂר אֲשֶׁר יִגַּע "בְּכָל טָמֵא" לֹא יֵאָכֵל איז משמע אז **ודאי טמא הוא דלא יאכל הא ספק טמא וספק טהור יאכל**, דהיינו א בשר של קדשים וואס מען האט א ספק צו עס איז טמא אדער טהור, מען מעג יא עסן, און נאר דוקא 'בכל טמא', דהיינו א ודאי טומאה מעג מען נישט עסן. און פון די סיפא ווי עס שטייט וְהַבָּשָׂר כָּל טָהוֹר יֹאכַל בָּשָׂר איז משמע **ודאי טהור הוא דיאכל בשר, הא ספק טמא וספק טהור לא יאכל** - דהיינו, פון די סיפא איז משמע אז דוקא 'כל טהור', דהיינו דוקא א טהור ודאי מעג מען עסן אבער א ספק נישט (והגמרא מתרצת שם קושיא זו). על כל פנים זעהט מען פון דער גמרא, אז ווען עס שטייט אין די תורה 'טהור', אדער 'טמא' מיינט עס דוקא א טהור ודאי אדער א טמא ודאי.

מיט דער אלע הקדמות קומט רבי שלמה גאנצפריד און פארענטפערט די קשיא פארוואס די גמרא אין פסחים ברענגט נישט די ערשטע פסוק "מִכֹּל הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה תִּקַּח לְךָ שִׁבְעָה שִׁבְעָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ וּמִן הַבְּהֵמָה "אֲשֶׁר לֹא טְהֹרָה" הִוא שְׁנַיִם אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ", און ער איז מסביר אז היות די בהמות הטהורות האט דאך געדארפט האבן כדי צו מקריב זיין פון דעם קרבנות, און אויב וואלט געשטאנען ביי דער 'ציווי' ומן הבהמה הטמאה וואלט נח געקענט א טעות האבן אז דוקא א 'ודאי טמאה' דארף ער ברענגן נאר צוויי, אבער אזא סארט בהמה וואס ער האט א ספק צו עס איז טהור אדער טמא, דארף ער יא ברענגן זיבן, ווייל טמאה מיינט דאך 'ודאי טמאה', וועגן דעם האט די אייבישטער געזאגט אנשטאט 'טמאה' - 'אשר לא טהרה' וואס דעס מיינט אז דוקא א 'ודאי טהור' דארף ער ברענגן זיבן, אבער יעדער ספק וואס ער האט גייט דאך אריין בגדר 'אשר לא טהרה' און ער זאל נאר ברענגן זיבן. איז וועגן דעם קען מען נישט מוכיח זיין פון די פסוק וואס שטייט ביי דער ציווי אז מען דארף רעדן בלשון נקיה. מה שאין כן ביי דער פסוק ווי עס שטייט די 'מעשה' דארט וואלט שוין יא געקענט שטייט 'ומן הבהמה הטמאה', און פון דעם וואס די פסוק האט אנגעכאפט די לשון 'אשר איננה טהורה', איז מוכח אז מען דארף רעדן בלשון נקיה!

---

[2] עי' ברש"י שם שרומז לקשיא זו, וכתב: כלם הושוו במנין זה מן הפחות היו שנים.